# פון רבי'נס קוואל

געקליבענע מאמרים ארויסגענומען פון די ספרים פון הייליגן רבי'ן - **נ**חל **נ**ובע **מ**קור **ח**כמה - רבינו **נחמן מברסלב** זי"ע

• עצות, התעוררות, און התחזקות פאר יעדן מענטש אייניג - וויאזוי זיך צו דערהאלטן מיט אמונה, שמחה, און עבודת השי"ת בתמימות, אין יעדן מצב, גוט - אדער ח"ו פארקערט, ברוחניות ובגשמיות.

• די גרויסע תועלת פון זיין מקורב צום צדיק אמת, וואס ער לערנט, באגלייט, און העלפט אונז מקיים זיין זיינע וואונדערליכע עצות, וואס דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין אינגיכן צו די גאולה שלימה ב"ב.

**פרשת משפטים (שקלים)** - תש"פ - גליון קפ"ח

## ליקוטי מוהר"ן

### וואס צו טוהן מיט די 'נייע השגות'

ווען עס קומט אריין אין א מענטש א נייע 'געדאנק' אין עבודת השם, איז פאראהאנען ביי איהם די ברירה פון: **צדקים ילכו בם - ופושעים יכשלו בם** [= די צדיקים גייען דערמיט, און די רשעים שטרויכלען זיך דערמיט] (הושע י"ד י'). דאס מיינט: אויב איז ער ערליך, דאן נוצט ער אויס די נייע שכל וואס ער האט זוכה געווען משיג צו זיין, אויף א וועג אז עס זאל איהם צוברענגען באמת צו דינען דעם אויבערשטן לויט די נייע השגה, ווידעראום איז פאראהאנען א וועג פון 'פושעים', אז אנשטאט נתעורר ווערן צו עבודת השם דורך די נייע געדאנק, איז מען פארנומען צו מזלזל זיין און אפשפעטן פון אנדערע וואס ווייסן נישט און פארשטייען נאכנישט דאס וואס זיי ווייסן אלץ.

דעריבער ביי יעדע נייע השגה אין עבודת השם וואס דער אויבערשטער שיינט אריין אין מח פונעם מענטש, דארף מען זיין געווארנט עס אנצונעמען אויפ'ן ריכטיגן וועג אז מ'זאל זוכה זיין צו לעבן דערמיט אן אייביגע לעבן!

(**תו' קע"א** - ורבים מישני אדמת עפר יקיצו)

## 'פרנסה' - לויט די 'בטחון'!

פון הימל קומט שטענדיג אראפ 'השפעות' פאר די וועלט אהן אויפהער, נאר עס פעהלט זיך אויס 'כלים' אז די שפע זאל קענען אריינקומען דערין אויף א וועג אז דער מענטש זאל קענען געניסן דערפון לויט זיין געברויך, אט די כלי ווערט געשאפן לויט די 'בטחון', לויט וויפיל דער מענטש האט בטחון און קוקט ארויס דירעקט צו השי"ת אז ער זאל איהם שפייזן - נישט אויף אנדערע סיבות און פארמיטלונגען, דאן קומט די השפעה אראפ מן השמים דירעקט צו איהם, אין די ריכטיגע צייט און מיט די ריכטיגע מאס פונקטליך לויט וויפיל ער דארף, אזוי ווי עס שטייט און פסוק (תהלים קמ"ה ט"ו); **עיני כל אליך ישברו - ואתה נותן להם את אכלם בעתו** [- די אויגן פון אלעמען קוקן ארויס צו דיר - און דו גיבסט זיי זייער שפייז און די ריכטיגע צייט].

אין אמת'ן אריין, אויב וואלט דער מענטש געהאט א ריינע בטחון אין השי"ת, וואלט ער טאקע נישט געדארפט טוהן פאר זיין פרנסה קיין שום השתדלות פון האנדלען אד"ג, נאר די השפעה וואלט געקומען צו איהם דורך די בטחון אליין, נאר וויבאלד עס איז ליידער נישטא גענוג די מדה פון בטחון - אנגעהויבן פון די חטא 'אדם הראשון' וועלכע איז אויך געווען א חסרון אמונה ובטחון - איז נגזר געווארן אויפן מענטש אז ער מוז טוהן מעשים און זיך מוטשען אויף זיין פרנסה, אזוי ווי עס שטייט ביי די קללה אויף אדם (בראשית ג' י"ט); **בעצבון תאכלנה - בזעת אפך תאכל לחם** [- דיין עסן וועט אנקומען צו דיר מיט צער און שווייס], ווייל צוליב וואס די דעת איז נישט גענוג שטארק מיט אמונה און בטחון מוז דער מענטש עוסק זיין אין עפעס א השתדלות וואס דאס טוהט ביי איהם מחזק זיין די בטחון.

און דאס ווענדט זיך ביי יעדן מענטש לויט זיין מדרגה, יעדער איינער לויט זיין 'חסרון בטחון' דארף ער טוהן מער השתדלות און זיך מער פלאגן אויף זיין פרנסה! דאגעגן דער וואס ארבעט אויף זיך צו האבן מער בטחון, דארף ער ווייניגער ארבעטן און זיין פרנסה קומט ⇦ ⇦ ⇦

## ליקוטי תפלות

**עס איז גוט צו מאכן פון די תורה - א תפלה.**
*(ליקו"מ ח"ב סי' כ"ה)*

***רבונו של עולם, העלף מיר מקורב צו ווערן צו צדיקי אמת און הערן חידושי תורה פון זייער מויל, און מקבל זיין פון זיי כסדר א נייע 'שכל' אין עבודת השם, און מיר זאלן זוכה זיין דורך דעם ערוועקט צו ווערן צו עבודת השם, און לעבן מיט זיי אן אייביג לעבן, מיר זאלן זוכה זיין צו גיין מיט זיי אויפ'ן ריכטיגן גלייכן וועג, און דיר דינען באמת דורך די נייע שכל וואס דו טוהסט אונז מגלה זיין יעדעס מאל דורך די צדיקי אמת פון יעדן דור.***

***היט אונז אפ פון צו זיין אין כלל פון "ופושעים יכשלו בם", וואס נישט גענוג וואס זיי דינען נישט דעם אויבערשטן מיט די נייע שכל וואס זיי ווערן געוואויר, נאר טוהען זיך דערמיט גרויסן איבער אנדערע מענטשן, און טוהען מבזה זיין און פארשעמען אנדערע מענטשן אויף דעם וואס זיי ווייסן נישט פון דעם נייעם שכל אזוי ווי זיי ווייסן עס. רבונו של עולם, היט מיר פון זיי, און מיר זאלן זוכה זיין מקבל צו זיין אלע נייע שכליות און זיך באנוצן דערמיט ריין פאר עבודת השם, אזוי ווי עס שטייט: ראשית חכמה יראת ה' שכל טוב לכל עושיהם תהלתו עומדת לעד:***

(תפלה על תורה קע"א, מספר **תפלות ותחנונים** השלמה לספר ליקוטי תפלות להרה"צ ר' נחמן זצ"ל אב"ד טשערין)

דער 'צדיק אמת' - ער איז דער וואס טוהט תשובה פאר כלל ישראל, דעריבער די וואס זענען מער מקורב צו איהם איז זייער תשובה גרינגער!

(**ליקוטי עצות** - צדיק ק"ה, עפ"י ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ס"ו)

⇦ אהן דורך די בטחון אליין! אזוי ווי עס איז טאקע פארהאן ערליכע אידן וואס זענען זוכה אז זיי דארפן בכלל נישט טוהן קיין שום השתדלות פאר זייער פרנסה, נאר עס ווערט פאר זיי נשפע 'גלייך' מן השמים - בכח דעם וואס זיי קוקן אויך 'גלייך' צום הימל מיט א ריינע אמונה, און גלייבן אז דער אייבערשטער אליין איז דער וואס שפייזט זיי אהן קיין שום אנדערע סיבה, דעריבער שיינט אויף זיי אויך אויף צוריק די שפע גלייך פון אויבן אהן קיין שום פארמיטלונג פון סיי וואספארא ארבעט!

און דאס איז געווען ביי די 'דור המדבר' וואס זיי האבן זוכה געווען זיך צו שפייזן פון די 'מן' וואס איז געפאלן יעדן טאג פון הימל, ווייל משה רבינו מיט זיין גרויסן כח האט איינגעבערענגט אין זיי אזא שטארקע אמונה און בטחון, אז דאס האט גורם געווען אז זייער פרנסה איז אנגעקומען צו זיי אינגאנצן מן השמים! און וועגן דעם האבן זיי נישט געטארט איבערלאזן די 'מן' פון איין טאג אויפ'ן צווייטן, כדי נישט פוגם צו זיין אין אט די שטארקע בטחון, נאר זיי האבן זיך געדארפט פארלאזן אויפ'ן אייבערשטן אז ער וועט זיי צושיקן זייער שפייז יעדן טאג!

און וועגן דעם ווען 'ירמיה הנביא' האט געוואלט מוסר'ן די אידן אז זיי זאלן עוסק זיין בתורה און דינען דעם אייבערשטן, האט ער ארויסגענומען די קריגל 'מן' וואס איז געווען אוועקגעלייגט אין בית המקדש, און ער האט עס געוויזן פאר די אידן (זעה ירמיה ב' ל"א רש"י ד"ה 'הדור אתם ראו דבר ה''), וועלנדיג זיי אנווייזן דערמיט אז מען איז נישט מחויב צו זיין אזויפיל פארנומען מיט די דאגת הפרנסה, נאר מען זאל זיך מחזק זיין אין בטחון, און דורכדעם אליין וועט מען ממשיך זיין די פרנסה - אזוי ווי די אידן אין מדבר וואס האבן זוכה געווען צו די מן אין זכות פון זייער בטחון!

אבער דאס דארף דער מענטש זיכער וויסן - אז אפילו ער טוהט יא אן ארבעט פאר זיין פרנסה, קומט דער עיקר 'שפע' פון די אמונה און בטחון, אזוי ווי עס שטייט (דברי הימים א' כ"ט י"ב); **והעושר והכבוד מלפניך**, און אהן בטחון וועט איהם זיין השתדלות גארנישט העלפן, און אלעס וואס מען איז עוסק אין געשעפטן צוליב פרנסה איז אויך נאר כדי מחזק צו זיין די בטחון, ווייל אהן ארבעטן איז איהם דאך שווער זיך מחזק צו זיין מיט בטחון אליין - צוליב אונזער קורצזיכטיגע דעת, דעריבער דארף די ארבעט זיין באגלייט מיט אמונה און בטחון און זיין עהרליך ביים האנדלען, און אזוי וועט מען זוכה זיין אז די אלע געשעפטן און עסקים זאלן דינען אלס 'כלי' צו קענען מקבל זיין די פרנסה מיט כל מיני השפעות טובות מן השמים!

(**ליקוטי הלכות** הל' משא ומתן ד' אות א', ב', ז', י"ח)

## שאלות ותשובות
## עפ"י תורת רביה"ק ז"ל

**(התקשרות לצדיק - י')**

### וויאזוי קען מען היינטיגע צייטן זיין דבוק אין הייליגן רבי'ן רביה"ק מוהר"ן זי"ע? האט דער רבי געלאזט נאך זיך א נאכפאלגער?

מיר האבן שוין געברענגט וואס עס שטייט אין ליקוטי מוהר"ן (תניינא תו' ז' ותו' ס"ח) אז דער צדיק אמת גייט נישט אוועק פון דער וועלט פאר ער לאזט איבער נאך זיך תלמידים וואס האבן אמת'דיג מקבל געווען זיין הייליגן דעת, און זיי זענען עס דערנאך משפיע ווייטער פאר זייערע תלמידים אא"וו. און אזוי שטייט אין חיי מוהר"ן (אות מ"ו, שע"ג) אז דער רבי האט בפירוש געזאגט אויף זיך אז זיין זאך וועט האבן א קיום אויף אייביג דורך די תלמידים און תלמידי תלמידים אא"וו. אויך האט ער אמאל געזאגט (שם מ"ו, רכ"ט, ש"ו); **מיין פייערל וועט שוין טליען ביז משיח וועט קומען!**

און אזוי איז טאקע געווען, דער רבי האט געלאזט נאך זיך הייליגע תלמידים, וואס זיי האבן ווייטער פארשפרייט זיין דרך אויף דער וועלט, ועל כולם איז געווען דער גרויסער תלמיד רבי נתן זצוק"ל, וואס דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אז 'ער' מיט 'רבי נתן' זענען די בחינה פון 'משה רבינו' מיט 'יהושע בן נון'! (פרפראות לחכמה סי' ו', וסי' ז' תניינא). און ער האט עוסק געווען צו פארשפרייטן דעם רבי'נס דעת אויף דער וועלט מיט מסירות נפש ממש, און האט געשריבן און געדרוקט דעם רבי'נס הייליגע ספרים, און אויך אייגענע ספרים באזירט אויפ'ן רבי'נס תורות. דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אויף איהם; **ווען נישט איהם - וואלט נישט געבליבן פון מיר קיין בלעטל שמות!** (חיי מוהר"ן אות ש"ע). אויך האט דער רבי אמאל געזאגט; **פון מיר וועסן נאר 'נתן' און 'נפתלי'** [- אויך פון די נאנטע תלמידים] **אביסל!** און אזוי נאך פיהל שבחים וואס דער רבי האט אויף איהם געזאגט אזוי ווי עס איז מבואר אין חיי מוהר"ן און נאך.

און אזוי אויך האט רבי נתן געלאזט נאך זיך תלמידים וואס זענען געגאנגען מיט'ן דרך פון רבי'ן און עס ווייטער פארשפרייט פאר זייערע תלמידים מיט מסירות נפש. עס ווערט נאכגעזאגט פון איינעם פון די תלמידים פונעם רבי'ן זעלבסט, אז ער פלעגט זיך פירן צו גיין צוהערן צו די שמועסן פון רבי משה ברסלב'ער זצ"ל - א נאנטער תלמיד פון רבי נתן, זאגנדיג אז די תלמידים פון רבי נתן פארשטייען בעסער צום רבי'ן ווי די אנדערע תלמידים פון רבי'ן אליין! און אזוי האבן זיי ווייטער איבערגעלאזט נאך זיך תלמידים ביז'ן היינטיגן טאג. רבי נתן שרייבט שוין אין ליקוטי הלכות (שלוחין ה' אות י"ב) אז אין יעדן דור איז זיכער דא איינער אדער עטליכע וואס האבן אמת'דיג מקבל געווען פונעם פריערדיגן צדיק, און מ'דארף זיי אויפזוכן און אסאך מתפלל זיין זיי צו טרעפן אז מ'זאל קענען זוכה זיין דורך זיי - אויך אינעם היינטיגן דור - צו געניסן פון די הייליגע דעת און קדושה פון דעם צדיק!

אויך לגבי דעם רבי'נס ציון, האט דער רבי אמאל געזאגט נאך ביי זיין לעבן, אז ווער ס'וועט קומען אויף זיין קבר וועט דאס זיין אזוי ווי ער קומט צו איהם בחיים חיותו ממש! (שיחות הר"ן אות קנ"ו, חיי מוהר"ן קס"ב, קצ"ז, רכ"ה). אויך אויף די הייליגע ספרים האט דער רבי מעיד געווען אז ער האט דאס געמאכט אויך פאר די שפעטערע'דיגע דורות, און ווער עס וועט זיי לערנען און גיין אין די הייליגע וועגן, וועט איהם זיכער גוט זיין בזה ובבא! (זעה חיי מוהר"ן רי"ח, רכ"ה, רכ"ט, שכ"ב, ועוד).

*נעתק ונערך ע"י י. י.*
*להערות והוספות נא להתקשר להמערכת*

צו באקומען דעם גליון, ווי אויך צו נעמען א טייל אין די הוצאות, אדער פאר סיי וואספארא הערות, פארבינדט אייך צו:
**Breslov.Kval@Gmail.com**
אדער רופט (ארה"ק); **072-224-2982**
(ארה"ב); **718-781-5030**